מוסדות התורה והחינוך דשיכון סקווירא

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

מוסדות התורה והחינוך
דשיכון סקווירא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ב"ה

לכבוד די חשוב'ע הורי התלמידים הע"י

מיר אינעם מוסד - זייענדיג אחראי אויף די לעבטיגע קינדערלעך דורכאויס רוב שעות אינעם טאג - טראגן א באזונדערע פליכט צו טון אלץ וואס מעגליך אפצוהיטן דאס טייערסטע וואס מיר פארמאגן, נעמליך "די טייערע קינדערליך!".

דערפאר איז טאקע איינגעפירט געווארן - ע"פ הוראות גדולי ומאורי הדור שליט"א - ביי אלע חרדי'שע מוסדות ברחבי תבל וועקצושטעלן תקנות גדולות אפצוהיטן די קינדערלעך פון דערגרייכן סיי-וועלכע שייכות מיט די אלע כלים שונים למיניהם מיט וואס אונזער דור איז געשלאגן געווארן. און דער היימישער ציבור איז ב"ה וואכזאם צו די גרויסע סכנות וואס דאס ברענגט אויף אונזערע ווייטער'דיגע דורות און מ'טוט מיט א פאראייניגונג מיטארבייטן מיט די אלע תקנות צו האלטן הויעך און ריין די סטאנדארטן ביי די קינדער פון די מוסדות, און זייערע עלטערן צוגלייך.

עס איז זעלבסט-פארשטענדליך אז פאר די אייגענע קינדער וויל יעדער דאס בעסטע און דאס אפגעהיטנסטע, דערפאר פארלאנגט דער ציבור אז דער מוסד זאל שטיין על המשמר אז זייערע קינדער זאלן חלילה נישט נכשל ווערן אין די יסודות'דיגע עניינים דורך חברים אין חדר/סקול וכדומה, דערפאר מוז דער מוסד שטיין גאר שטרענג אז די שטיבער וואו אונזערע תלמידים ווערן נתחנך זאלן טאקע זיין אפגעהיטן ווי עס פאדערט זיך פון א היימישע חסיד'ישע שטוב ביי אונז אין שטעטל **ע"פ תקנות הבד"ץ דחסידי סקווירא**, אזוי ארום צו פארשטארקערן די פארזיכטיגקייט אויף די ריינקייט פון די לעבטיגע ריינע נשמה'לעך וואס מיר שטרעבן צו ערציען אויפן ערליכן לויטערן ריינעם דרך המסורה לנו מדור דור.

צוליב וואס די כלים ווערן כסדר געטוישט, דארף מען יעדע יאר נאכאמאל אויספילן דעם גאנצן אפליקאציע, אפילו די מציאות האט זיך נישט געטוישט ביי אייך.

דעריבער ווילן מיר אייך מודיע זיין בפרטות די תקנות וואס זענען אוועקגעשטעלט געווארן דורכן **בד"ץ דחסידי סקווירא** - לויט'ן הדרכה פון **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** פאר אלע **מוסדות סקווירא די בכל אתר ואתר** - וואס איר דארפט **אויספילן אין דעם בייגעלייגטן אפליקאציע**, און אריינשיקן צום אפיס פון די מוסדות דורכ'ן פעקסן צו 845.362.6630 אדער אריינלייגן אינעם באשטימטן קעסטל אין ביהמ"ד נעבן די שכ"ל אפיס.

אזוי אויך שיקן מיר אייך דא די **"תקנות ההורים"**. וואס דארף אויך ווערן גע'חתמ'ט און צוריק געשיקט צום מוסדות כדי צו ערהאלטן אייער באשטעטיגונג.

מיר האפן און ערווארטן אייער פולע מיטארבייט און פארשטענדעניש לטובת הענין ולהצלחת בניכם ללמוד תורה בטהרה בעזרת השי"ת.

אזוי ווי דער יצרו של אדם מתחדש בכל יום, ובפרט מיט די כלים המתחדשים יעדן טאג מיט פרישע אפגרעידס און נייע מאדעלס, דארפן מיר זיך אויך שטארקן מיט א שטענדיגע התחדשות און אפגעהיטנקייט חלילה נישט נכשל צו ווערן מיט איינע פון די נייע מכשולות וואס קומען כסדר צו.

ע"כ טוען מיר אויסקלארן די פאלגענדע תקנות פאר אלע עלטערן צום נייעם לערן יאר אלול תשע"ה:

<u>נייע תקנה בנוגע סמארט-פאונס פאר פרויען</u>

אזוי ווי יעדער זעט דאך מיט די אייגענע אויגן ווי די סכנה פון די סמארט-פאונס ווערט גרעסער און גרעסער פון טאג צו טאג, אין די זעלבע צייט הייבט דאס א רייץ ביי יונגע קינדער וואס קען האבן שווערע תוצאות, מוז מען שטעלן פרישע גדרים ביי דעם.

טוען מיר מעלדן אז ע"פ הוראת הבי"ד זענען מער נישט גילטיג אלע אישורים וואס זענען געגעבן געווארן פאר פרויען אויף סמארט-פאונס - אנגעהויבן פון ר"ח אלול תשע"ה.

אויב שפירט איר אז אייער פאל האט א אויסנאם סיבה וואס די עיקר פרנסה ווענדט זיך אין די פאון, דאן פארלאנגט א ספעציעלן פארם פונעם הנהלת המוסדות דורך אריינרופן ‎362.6600 #134‎. אויב אייער פארם ווערט באשטעטיגט וועט אייך די הנהלת המוסדות ארויסשיקן א ספעציעלן אישור, מיט אן אישור-ID נומבער. וואס די אישור-ID נומבער זאלט איר אריינשרייבן 'טעכנעלאגיע פארם'.

__נייע תקנה בנוגע 'וואטס-עפפ'__

היות עס ווערט מער און מער נתברר די מכשול גדול פאר כמה איסורים פון 'וואטס-עפפ' - אפי' ווען מען האט דאס לצורך פרנסה, **טוען מיר מעלדן אז ע"פ הוראת הבי"ד איז נישט ערלויבט צו האבן 'וואטס-עפפ' אויפן פאון אפי' מיט די בעסטע פילטער און אלע אישורים אויף 'וואטס-עפפ' זענען מער נישט גילטיג - אנגעהויבן פון ר"ח אלול תשע"ה.**

אויב האט איר א אויסנאם סיבה וואס די עיקר פרנסה ווענדט זיך אין 'וואטס-עפפ', דאן פארלאנגט א ספעציעלן פארם פונעם הנהלת המוסדות דורך אריינרופן ‎362.6600 #134‎. אויב אייער פארם ווערט באשטעטיגט וועט אייך די הנהלת המוסדות ארויסשיקן א ספעציעלן אישור, מיט אן אישור-ID נומבער. וואס די אישור-ID נומבער זאלט איר אריינשרייבן 'טעכנעלאגיע פארם'.

__משומר סאטמאר - סקווירא-אפטיילונג__

לויט פארלאנג פונעם בי"ד און הנהלה רוחנית פונעם מוסד, וועלן תושבי סקווירא האבן א באזונדערע אפטיילונג אינעם אפיס פון די "משומר סאטמאר פילטער" מיט די סטאנדארט באזירט לויט די תקנות פון אונזער בי"ד.

דורכ'ן חתמ'נען די "מוסדות טעכנעלאגיע פארם" ווערט באשטעטיגט אז איר ווערט אויטאמאטיש אריבערגייען צו דעם סקווירא-אפטיילונג.

__ביזנעס - פילטער'ס__

אויב האט איר א פילטער דורך OKG-Tech אדער דורך Voca-Tech. פארלאנגט א ספעציעל פארם פונעם מוסדות וואס דארף ווערן אויסגעפילט דורך אייער פילטער קאמפאני.

__תקנות הבד"ץ דחסידי סקווירא והמוסדות הק'__

__סעלפאונס__

- **לכתחלה, ווער עס האט א מעגליכקייט, זאל זיך נאר באנוצן מיט די כשר'ע סעלפאונס פון "משומר", "מאושר" אדער "נאמן", וואס האבן נישט קיין מעגליכקייט אפילו פאר טעקסט-מעסעדזשעס.**
- **מלמדים, כולל אינגעלייגט ומרביצי תורה ביי אונז און אזוי אויך אנדערע כלי קודש זענען נאר ערלויבט צו האבן די אינגאנצן כשר'ע סעלפאון.**
- **א סעלפאון נישט פון די אויבנדערמאנטע קאמפאניס - אפילו עס איז געבלאקט פון __טעקסט__ - דארף עס האבן דערויף א "מסחר-זיגל". (וואס ווייזט אז עס איז נבדק געווארן דורכ'ן וועד האישור).**
- **צו האבן א סימפל סעלפאון וואס האט דערויף טעקסט אדער אי-מעיל איז מותר נאר בתנאים דלהלן:**
  1) **נאר לצורך פרנסה.**
  2) **מען דארף האבן אן אישור בכתב, פונ'ם דיין.**
  3) **עס דארף האבן א "מסחר-זיגל".**
- **מ'טאר נישט איבערגעבן אין די האנט פון א קינד א סעלפאון מיט טעקסט וכ"ש א סמארט-פאון מיט אינטערנעט (אפילו ס'האט א מסחר זיגל).**
- **בעצם פארמאגן א סמארטפאון איז מותר ווער ס'איז מוכרח דערצו לצורך הפרנסה ובתנאים דלהלן:**
  1) **עס איז נאר מותר צו האבן אויפן פאון 'אי-מעיל' און 'עפס' לצורך פרנסה. 'סאשעל-מידיע', 'וואָטס-עָפּפּ', 'אינטערטעימענט' וכדו' איז אסור.**
  2) **א 'בראוזער' אויפן פאון איז אסור, ולצורך הכרח גדול דארף מען עס דַן זיין מיט א דיין אבער דאן אויך נאר מיט א ווייס-ליסט.**

3) ס'דארף האבן א פילטער, דוקא דורך "לטהר" אדער "משומר-סאטמאר - סקווירא-אפטיילונג".

4) מ'דארף האבן אן אישור פון איינע פון די חברי הבד"ץ דפק"ק מיט א מסחר-זיגל.

<u>קאמפיוטער אינדערהיים</u>

❖ ס'איז אסור צו האלטן א קאמפיוטער אדער טעבליט אינדערהיים, אדער אינ'ם בנין פון דער דירה, "אפילו אן אינטערנעט".

<u>קאמפיוטער אין אפיס</u>

❖ קאמפיוטערס אדער טעבליטס מיט אינטערנעט אין א אפיס, איז מותר נאר בתנאים דלהלן:

1) לצורך פרנסה דוקא, און ס'זאל נישט גענוצט ווערן פאר קיים שון אנדערע צוועקן ווי נייעס וכדומה.

2) ווי פארשטענדליך איז עס מותר נאר מיט די פילטער פון "משומר-סאטמאר - סקווירא-אפטיילונג". אויב האט איר א פראבלעם דאן רופט אריין צום לטהר צענטער דורכצורעדן וועלכע אנדערע סארט פילטער שטימט פאר אייער ביזנעס און איז גענוג אויסגעהאלטן.

3) מען דארף האבן אן אישור בכתב פונעם דיין שליט"א.

<u>וואס האט איר יעצט צו טון:</u>

אויב האט איר נאר א כשר'ן סעלפאון, און איר האט בכלל נישט קיין קאמפיוטער: אשרי חלקכם! פילט אויס די בייגעלייגטע אפליקאציע ווי אויבן דערמאנט.

אויב האט איר נישט קיין כשר'ן סעלפאון פון משומר, מאושר, נאמען - אפילו איר האט אליין געבלאקט טעקסט: דאן גייט אריבער צום **"לטהר אפיס"** ארויפצולייגן דעם **"מסחר זיגל"**.

אויב דארפט איר, מתוך הכרח גמור, זיך באנוצן מיט א "סמארט-פאון": קודם פארבינדט אייך צו איינע פון די דיינים פאר'ן אישור (אויב איר האט נאכנישט פון פאריאר), און דערנאך גייט אריבער צום **"לטהר אפיס"** ארויפצולייגן דעם **"מסחר זיגל"**. איידער איר גייט אריבער צם לטהר אפיס, רופט אריין אין אפיס פעסטצושטעלן אויב אייער סמארט-פאון קען בכלל ערהאלטן א מסחר זיגל - היות עס איז דא פארשידענע סארטן וואס עס איז נישט מעגליך צו פילטערן. אזוי אויך וועט איר הערן אנווייזונגען פונעם אפיס וואס איר האט צו טון מיט אייער פאון איידער איר קומט אריבער צום לטהר סענטער.

אויב האט איר שוין א מסחר-זיגל: און איר באניצט זיך נאכאלץ מיט'ן זעלבן פאון, דאן שרייבט אריין אין אייער אפליקאציע און שיקט עס צוריק.

דער לטהר-אפיס געפינט זיך אינעם בנין פון מושב זקנים אויף אוסטראה. אפען יעדע נאכט פון 9:00 ביז 10:00, זונטאג און דאנערשטאג פון 3:30 ביז 5:00, טעל נומבער 845.362.6752.

אזויווי אייער אפליקאציע'ס ווערן באשטעטיגט ווערן וועט איר אי"ה באקומט א טעלעפאון קאל אז אייערע אפליקאציעס זענען באשטעטיגט און דאן קענט איר אריבערגיין צום שכ"ל אפיס צו רעגיסטרירן אייער קינד פאר'ן קומענדיגן יאר ווי איר וועט באקומען א רעגיסטראציע קארטל פאר יעדן קינד באזונדער (וואס מ'דארף ברענגען אינעם ערשטן טאג פונעם נייעם שנת הלימודים).

דאס מקיים זיין די אלע תקנות און הוראות פון די רבנים הגאונים שליט"א, כרצון ושאיפת קדשו פון כ"ק רבינו שליט"א, איז ווי א פעולה און בקשה צו קענען זאגן פאר רבוש"ע **"עשינו את שלנו"**, און דאן בעטן: **טאטע אין הימל, היט אפ אונזערע טייערע קינדער און בזכות וואס מיר טוען מה שבידינו, זאלן מיר זוכה זיין צו א רוח טהרה ממרום, און זוכה זיין צו אונזער גרעסטער וואונטש, מגדל צו זיין ערליכע ריינע דורות, און מיט די לעבטיגע קינדער מקבל פנים זיין משיח צדקנו במהרה בימינו, אמן.**

מוסדות טעכנאלאגיא פאָרם

פילט דאס אויס און לייגט עס אריין אינעם באקס נעבן שכ"ל אפיס אדער פעקסט דאס צו 362-6630

נאמען_____________ **היים טעל נומבער**_____________

מאן:

סעלפאון נומבער_____________

___**כשר'ע פאון** ___**בעיסיק פאון** ___**סמאַרטפאון** (לצורך מסחר)

מסחר זיגל#_____________

פרוי:

סעלפאון נומבער_____________

___**כשר'ע פאון** ___**בעיסיק פאון** ___**סמארטפאון** (לצורך מסחר)

מסחר זיגל#_____________ **אויב איז עס א סמארטפאון: אישור-ID נומבער**_____________

אויב איז פארהאן ביי אייך נאך א סעלפאון:

מאן

סעלפאון נומבער_____________

___כשר'ע פאון ___בעיסיק פאון ___סמארטפאון (לצורך מסחר)

מסחר זיגל#_____________

פרוי

סעלפאון נומבער_____________

___כשר'ע פאון ___בעיסיק פאון ___סמארטפאון (לצורך מסחר)

מסחר זיגל#_____________

אויב איז עס א סמארטפאון: **אישור-ID נומבער**_____________

אויב האט איר סיי וועלכע טעכנאלאגישע דיוויים:

וואספארא סארט כלי איז דאס? ___**קאמפיוטער** ___**טעבליט** ___**אייפעד**

וואו געפינט זיך דאס? ___**שטוב** ___**אפיס**

ווער באנוצט זיך דערמיט?_____________

וועלכע פילטער האט דאס?_____________

ווער האט עס אינסטאלירט?_____________

וואספארא סארט כלי איז דאס? ___**קאמפיוטער** ___**טעבליט** ___**אייפעד**

וואו געפינט זיך דאס? ___**שטוב** ___**אפיס**

ווער באנוצט זיך דערמיט?_____________

וועלכע פילטער האט דאס?_____________

ווער האט עס אינסטאלירט?_____________

אויב ארבעט איר פאר א צווייטן און איר באנוצט זיך מיט סיי וועלכע טעכנאלאגישע דיוויים:

ווער באנוצט זיך דערמיט?_____________

וועלכע פילטער האט דאס?_____________

ווער איז אחראי אויפן פילטער?_____________

וואס איז זיין קאנטאקט נומבער?_____________

ווער באנוצט זיך דערמיט?_____________

וועלכע פילטער האט דאס?_____________

ווער איז אחראי אויפן פילטער?_____________

וואס איז זיין קאנטאקט נומבער?_____________

מיר עלטערן טוען שריפטלעך באשטעטיגן אז מיר האבן אדורכגעליינט די אלע תקנות הקהלה והמוסדות, און אונזערע טעכנאלאגישע כלים זענען אין איינקלאנג מיט די תקנות הקהלה והמוסדות עפ"י הוראות הבדי"ץ, און דערמיט טוען מיר באשטעטיגן אז אויסער די אויבנדערמאנטע כלים געפינט זיך נישט ביי אונז אין שטוב קיין שום אנדערע טעכנאלאגישע דיוויסעס.

אויב ווערט מען געוואויר אז עס איז נישט ווי מיר באשטעטיגן דא, פארלירן מיר די רעכטן צו האלטן אונזערע קינדער אין מוסדות.

יום___ **לחודש**_________ **שנת תשע"ה לפ"ק**

חתימה פון טאטע_____________ **חתימה פון מאמע**_____________

<u>תקנות ההורים</u>

לכבוד די חשוב'ע עלטערן פון אונזערע טייערע תלמידים ותלמידות שי'

עס איז פארשטענדליך אז כדי די קינדער זאלן באקומען די ריכטיגע חינוך, און אז די מוסדות הקדושים זאלן קענען משפיע זיין אויף זיי, דארפן די טייערע קינדער ווערן אויפגעצויגן אין ערליכע חסידישע שטובער, וואס טראגן מיט שטאלץ דעם חסידישן קרוין סיי בדיבור און סיי במעשה, וואו די קינדער זעהן כסדר ביי די עלטערן אז זיי שפירן דעם אשרינו מה טוב חלקנו, אז ס'איז א זכי' מקיים צו זיין אלע אונזערע הנהגות כפי דרך התורה, וואס אזוי וועלן די קינדער בסיעתא דשמיא קענען ווייטער שטייגן און וואקסן לשם ולתפארת, לעשות נחת רוח להבורא ית"ש.

דערפאר פילן מיר פאר וויכטיג איבערצושמועסן אין קורצן די גאר פשוט'ע זאכן וואס פארלאנגט זיך פון א חסיד'ישע שטוב וואס ווילן אריינשטעלן א קינד/ער אין אונזערע הייליגע מוסדות החינוך. ביטע חתמ'עט פון אונטן אז איר האט דורכגעליינט און איר זענט איינשטימיג צו איינהאלטן די פאלגענדע תקנות.

<u>**הנהגות פאר'ן טאטע**</u>

- דאוונט געהעריג מיט מנין אלע תפילות, און איז קובע עתים לתורה.
- שניידט זיך נישט די בארד, אפילו א קליינע חלק.
- גייט ארום מיטן געהעריגן חסיד'ישן לבוש, לויט אונזער סטאנדארט.

<u>**הנהגות פאר'ן מאמע**</u>

היט אלע "גדרי צניעות" וואס ווערן גע'פסק'נט לויט אונזערע רבנים חברי הבד"ץ דקהילתנו, און אזויווי מ'לערנט אין אונזערע מוסדות. דהיינו:

- קליידער זענען נישט געפאסט, אדער אויפפאלענד סיי אין קאליר און סיי אין סטייל (דאס נעמט אריין אין זיך קליידער, שיך, היטן, צורינג וכדומה).
- די קלייד איז גענוג לאנג (וואס דאס איז ביי רוב מענטשן 5-6 אינטשעס נאכ'ן ענדע פונעם קני).
- די שטרימפ גענוג דיק מיט די ריכטיגע קאליר, נישט ליכטיגע קאלירן וואס איז ענליך צום פיס, און נישט שווארצע אדער ענליך צו שווארץ.
- די שייטל גענוג קורץ און מיט אן איידעלע סטייל, (לויט תקנת הבד"ץ פאר אונזערע שייטל-מאכערס), און צוגעדעקט מיט אן איידעלן אויסגעהאלטענעם צודעק, וואס באדעקט "רוב" שייטל.
- די קליידער זענען אינגאנצן פארמאכט ביים "האלדז", און נישט אויסגעשניטן אפילו אביסל און אויך די "ערמל" גענוג לאנג (נישט דריי-פערטל).
- די פנים איז נישט געפארבט אויפפאלענד און אודאי נישט ביי די אויגן אדער ליפן.
- נישט ארויס גיין פון שטוב מיט א לאנגע דאסטער.

  עס איז פשוט אז די אלע זאכן גייען אן אויך ביי חתונות און שמחות.
- פון די גאר שטארקע הנהגות ותקנות ביי אונזערע קרייזן וואס מ'טאר נישט ח"ו מקיל זיין אין דעם, איז זיך "שערן" די האר 100%, אן קיין שום פשרות, אזוי ווי דער רבי ז"ל האט געזאגט: גלאט ווי די האנט.
- עס איז נישט ערלויבט פאר קיין מאמע צו האבן "לייסענס" אדער "פערמיט" צו דרייווען.

דורכדעם וואס מיר וועלן זיך האלטן צו אונזערע הייליגע הנהגות, וועט השי"ת היטן אונזערע קינדער בגשמיות וברוחניות און מיר זאלן טאקע אלע זוכה זיין צו סייעתא דשמיא און קענען מגדל זיין בניקל בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

החותמים בברכה:

חברי וועד הנהלת המוסדות

ישיבה גדולה, ישיבה קטנה, תלמוד תורה, בית חינוך לבנות

טאטע'ס חתימה_______________ מאמע'ס חתימה_______________

אדרעס_______________ הײם טעל נומבער_______________